Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 235 | Łódź, Poniedziałek 12 października 1931 r. | נייַנטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג א׳ מרחשון תרצ״ב | № 235

Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# מאַרשאַל פּילסודסקי אָפּגעפאָהרען קיין רומעניען

**וואַרשאַ**, 11. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) היינט בייטאָג איז דער מאַרשאַל פּילסודסקי אוועקגעפאָהרען קיין רומעניען אויף עטליכע וואָכען אורלויב.

## מיטוואָך — א זיצונג פון סענאַט

**וואַרשאַ**, 11. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) דער מאַרשאַלעק ראַטשקעוויטש האָט בעשטימט אויף מיטוואָך דעם 14. ד. ח. אַ זיצונג פון סענאַט.

## טראַגישער מאָרד און זעלבסט-מאָרד אין וואַרשאַ

**וואַרשאַ**, 11. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) היינט אין אווענד האָט אין וואַרשאַ אויף וואָלסקאַ 3, דער 25־יאָהריגער לייב גאָלדגלאַס געשאָסען די 31־יעהריגע גרושה מינא מינץ.

ער האָט זיך צו איהר געשדכנט, און זי האָט איהם נישט געוואָלט.

גאָלדגלאַס האָט זיך אליין אויך דערנאָך געשאָסען.

זי איז שווער פערוואונדעט. ער איז טויט.

## דער נייער קאַבינעט אין דייטשלאַנד



בריינינג — רייכסקאַנצלער; גרענער — רייכסווער און אינערן־מיג.; טרעווירַאַנוס — קאָמוניקאַציע; דיטריך — פינאַנצען; יאָעל — יוסטיץ



שילע — לאַנדווירטשאַפט; שטעגערוואַלד — אַרבייט; וואַרמבאָלד — ווירטשאַפט; שעצעל — פּאָסט

## גרויסע קאָמוניסטישע אונרוהען אין שפּאַניען

**מאַדריד**, 11. (ספּ. טעל.) די לאַגע אין דער סביבה פון קאָרדאָבא פערערגערט זיך פון טאָג צו טאָג. אַנ׳ערך טויזענד פעלד־אַרבייטער אונטער דער אָנפיהרונג פון קאָמוניסטען טעראָריזירט די גאַנצע סביבה.

די אַרבייטער לייגען איין די בנינים, צוברעכען די לאַנדווירטשאַפטליכע מכשירים, און צוברעכען אַפילו די פיס פון די בהמות.

די מאַכט אינטערווענירט מיט דער הילף פון מיליטער, איבער דער סביבה פליהען אעראָפּלאַנען. אין קאָרדאָבא גופא האָבען די קאָמוניסטען געוואָלט אונטערצינדען די קלויסטערס און קירכעס, אָבער פּאָליציי האָט עס געשטערט צו טון.

## פערבאָטען ארויסצושיקען ווערט-בריף פון עסטרייך

**ווין**, 11. (ספּ. טעל.) פון מאָרגען, דעם 12. ד. ח. איז פערבאָטען געוואָרען אַרויסצושיקען פון עסטרייך ווערט־בריף.

# עס פעהלען אוים שיפען
## צום איבערפיהרען גאָלד פון אמעריקא קיין אייראָפּא

**ניו־יאָרק**, 11. (ספּ. טעל.) די לעצטע טעג איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון דאַנען קיין אייראָפּא אַנ׳ערך 103 מיליאָן דאָלאַר אין גאָלד.

דאָס סטאַבילע אַרויסשיקען גאָלד האָט געבראַכט דערצו, אַז עס פעהלען שוין אויס ענטשפּרעכענדע שיפען צום אַריבערפיהרען דאָס גאָלד, און דעריבער ווערט איצט דערצו בענוצט דאַמפערס, וועלכע פערמאָגען אַפילו נישט קיין פאַנצער־קאַסעס.

אין גאַנץ אַמעריקע לאָזט זיך פיהלען אַ שטאַרקער אָפּפלוס פון קאַפּיטאַלען אין די בענק, צוליב דעם וואָס די דעפּאָזיטען ווערען מאַסענווייז פון דאָרט אַרויסגעצויגען, און דאָס קאָן ברענגען צו דעם איינבראָך פון די גרעסטע באַנק־אינסטיטוציעס.

## דער פראַנצויזישער פראַנק ווערט אַנ׳אינטערנאַציאָנאַלע מטבע

**פּאַריז**, 11. (ספּ. טעל.) די מאָסקווער רעגירונג האָט אָנגענומען אַ בעשלוס: ביי כל׳ערליי אָפּמאַכען מיט׳ן אויסלענדישען האַנדעל צו שליסען אין פראַנקען, אָדער אין דאָלאַר׳ס.

ביז איצט זענען אַלעלכע אָפּמאַכען געשלאָסען געוואָרען נאָר אין ענגלישע פונטען.

**Dr. A. S. TENENBAUM**

**Piotrkowka 109**

Tel. 220-25

צוריקגעקומען

## געוועזענע צאַרישע אָפיצירען אין קאַמף מיט׳ן באָלשעוויזם

**מאָסקווע**, 11. (ספּ. טעל.) פון כאַרבין איז מען מודיע, אַז לויט אנ׳אויפטראַג פון דער יאַפּאַנישער רעגירונג, איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַנ־אינטערנאַציאָנאַלע מיליץ צום קעמפען מיט׳ן באָלשעוויזם.

עס איז פאָרמירט געוואָרען אַ ספּעציעלער קאָרפּוס, וואָס בעשטייט פון געוועזענע צאַרישע אָפיצירען, וועלכע וועלען קעמפען מיט די באָלשעוויקעס

דיפּלאָמירטע
היגיענישטין
נעהמט אָן אַרבייט: זאַמטושיסען, אָפּאַטרונקעס, דיזשורען
ליזא נאָמיאַט
אַלעיאַ 1־טער מאַי 35
פראַנט, ערשטער שטאָק. טעלעפאָנירען טאָג־טעגליך אויסער שבת, פון 2 ביז 4 נומער 145-02.

Po długich i ciężkich cierpieniach zmarł dnia 10 b. m. w Meranie

**b. p. BER FREIDENBERG**

**Prezes Zarządu i Założyciel naszej tirmy.**

W Zmarłym tracimy człowieka o nieskazitelnym charakterze i niepospolitych zaletach.
Pamięć o Nim pozostanie na zawsze w sercach naszych.

**ZARZĄD**

**sp. akc. Przemysłu Bawełnianego B. FREIDENBERG w Łodzi.**

